וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת קרח, א' תמוז תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון פ"ב

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......................8:15
מוצאי שבת...............................9:46

# א מעשה פון תפלה

## שמשון הערש טייטעלבוים

א) איך האב געדארפט פארן קיין וויליאמסבורג, איך האב געטראכט צו לאזן די קאר אין קרית יואל, און פון דארט פארן מיט די באס קיין וויליאמסבורג, איך קום אן צום באס סטאפ זעה איך די באס הייבט שוין אן אוועק פארן, איך האב אנגעהויבן ווייזן מיט דעם דרייווער מיט די הענט ער זאלווארטן אויף מיר, און שטילערהייט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל באמערקן ווי איך ווייז אים מיט די הענט, שכח אייבערשטער ער האט באמערקט ווי איך ווייז אים און ער האט זיך אפגעשטעלט ספעציעל פאר מיר.

ב) איך האב זייער שטארק געוואלט קויפן א געוויסע מתנה פאר מיין ווייב, פארגאנגענעם שבת פרשת בהעלותך האב איך מיך נאכאמאל דערמאנט פון דעם און איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען קויפן פאר איר, יענעם מוצאי שבת קלאפט אריין ביי מיר אינדערהיים א גאסט וואס איז איינגעשטאנען ביי מיר א צייט צוריק, און ער האלט א מתנה אין די האנט, וואס מיינט איר וואס האט ער געברענגט? יא גוט צוגעטראפן, טאקע דאס וואס איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אזוי שטארק קויפן פאר מיין ווייב!

## רפאל פירסט

איך האב זיך אהער געצויגן אין שטעטל פאר אפאר וואכן צוריק, די קאר וואס איך האב געהאט ביז היינט איז געווען פון די ארבעט וואו איך האב געארבעט פארן זיך אהערציען אין שטעטל, אזוי אז איך האב מיך געטראפן אן א קאר. אין שטאט אז מען האט נישט קיין קאר איז נישט אזוי שווער, אבער אין שטעטל ווען פון איין פלאץ ביזן צווייטן איז נישט אזוי נאנט קען מען ממש נישט אן א קאר, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל האבן א פיינעם קאר, א גרויסע קאר וואס האט גענוג פלאץ פאר די גאנצע משפחה", עס האט נישט אויסגעזעהן אז דאס גייט אזוי שנעל געשעהן צוליב פארשידענע סיבות וואס האט זיך געמאכט, אבער איך האב ווייטער יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם.

ביז איין שיינעם טאג איז די ישועה אנגעקומען, איך האב געטראפן א וועג וויאזוי איך קען יא האבן א קאר, איך האב אריינגעגעבן אלע דאקומענטן פאר די קאמפאני און ביז א קורצע צייט איז עס צוריק געקומען אז זיי קענען מיר פארקויפן די קאר וואס איך האב געדארפט, שכח הייליגע באשעפער!

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מרדכי אהרן הייליפרין נ"י וזוגתו פערל תחי'**
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אין זכות פון העלפן אזוי געטריי די מוסדות זאלן זיי זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

# נייעס אין שטעטל

## מען גרייט זיך צום זוממער סעזאן אין שטעטל

אזוי ווי אלע יארן פארט דער ראש ישיבה שליט"א ארויס מיט די בחורים אין קעמפ צו ווילן אויף די זומער וואכן, ווייט אוועק פון די שטאט, וואו מען קען זיין אפגעזונדערט פון די שטאט'ישע גאסן, און זיך קונה זיין אסאך גוטע זאכן בתורה ותפילה.

דאס יאר איז געפלאנט אז דער ראש ישיבה שליט"א מיט די בחורי הישיבה וועלן זיך אויפהאלטן זוממער אין שטעטל אזוי ווי דעם פארגאנגענעם יאר, דאס איז א ספעציעלע זכיה פאר די איינוואוינער פונעם שטעטל, וואס קענען מיטהאלטן פונדערנאנט די שיעורים און תפלות פונעם ראש ישיבה שליט"א, בפרט ווען מען קענען האבן די זכיה מיטצוהאלטן דעם שיעור התחזקות וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר יעדע נאכט, וואס דעמאלטס קומען אויך צו פארן אידן פון נאנט און ווייט, צו הערן אביסל ווארימע ווערטער און זיך דערכאפן דאס הארץ, און זיך דערמאנען א קוק צו טון אויפן הימל, און געדענקען אז דער באשעפער פירט די וועלט וויאזוי ער וויל, און וואס מ'דארף ווענדט מען זיך נאר צו אים.

די זומער וואכן זענען די בעסטע הכנה צו די הייליגע טעג, מען פארברענגט אין קעמפ נאר מיט די ביימער און הימל און מיט'ן אייבערשטן, עס איז גארנישט דא פאר די אויגן, נאר חומש, משניות און גמרא, און מיט דעם טוט מען מאכן די ריכטיגע הכנה צו ראש השנה, וואס איז שוין אט אט דא.

די בחורי ישיבה קטנה פון שטעטל און פון וויליאמסבורג וועלן פארברענגען די זוממער טעג אין א קעמפ וואס איז ספעציעל אפגעדונגען געווארן פאר די חשובע בחורים, וואס דאס וועט זיכער זיין גאר א גרויסע תועלת פאר די חשובע בחורים, וואס וועלן מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף אריינכאפן אסאך תורה - פרקים משניות און בלעטער גמרא, און אזוי אויך אלע גוטע מדות ומעשים טובים וואס די חשובע מגידי שיעורים שליט"א לייגן אריין אין זיי.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט דער זומער אויך זיין א גרויסע סוקסעס אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, מען וועט זיך אנשעפן פילע הויפענעס מיט תורה ויראת שמים.

## א וועלט פון חיזוק קאמפיין תשפ"א

גאר שטארק איז אריינגעקומען די צדקות פון די איינוואוינער פון שטעטל פונעם היי יעריגן קאמפיין "א וועלט פון חיזוק", עס דערקענט זיך די הכרת הטוב וואס די משפחות אין שטעטל האבן צום ראש ישיבה שליט"א, וואס האט אויפגעשטעלט דעם הייליג'ן שטעטל, מיט דעם איינעם ציל אז מיר זאלן האבן א ווינקל וואו מען קען אויפציען ערליכע אידישע דורות אן די שמוציגע גאסן וואס איז היינט דא ליידער, די קינדער ווערן אויפגעצויגן הייליג מיט א שטארקע אמונה אינעם אייבערשטן, די משפחות לעבן פרייליך און צופרידן, מען דארף נישט גארנישט - נאר דעם אייבערשטן.

יעצט אז מען האט געקענט אריינברענגן א שטיקל הכנסה פאר די קהלה וועט זיך עס זיכער דערקענען אין אלע הינזיכטן, מען וועט מרחיב זיין גבולי הקדושה אויף א שטארקערע פארנעם ווי ביז היינט. דאס וואס מען זעהט יעצט איז נאר א קליינע פארצענט וואס עס קומט נאך אין די ציקופנט, די תלמוד תורה און די סקול וועט גאר בקרוב דארפן האבן נאך א בנין, כדי צו קענען אריינעמען די פרישע קינדער וואס קומען צו יעדע פאר וואכן, בתי מדרשים ווערן געבויט איינס נאכן צווייטן, שטחים ווערן אפגעקויפט פאר די מוסדות צו בויען פרישע בנינים פאר אלע נצרכים וואס וועט נאר אויספעלן גאר בקרוב פארן ציבור.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל אלץ קענען האבן די זכיה ארויסצוהעלפן דעם הייליגן רבינ'ס מוסדות, פון וואו עס קומט ארויס חיזוק פאר די גאנצע וועלט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אוּנְז אִין קֶעמְפּ; דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעוֶועןְ בַּיי אוּנְז זֵייעֶר שֵׁיין, פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס קוּמֶען מִיר זִיךְ צוּזַאם אַלֶע בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט, קוּדֶם זִינְגְט מֶען זְמִירוֹת לְכָבוֹד שַׁבָּת אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר זִיךְ מְחַזֵק מִיטְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים. מִיר הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי מַחֲלֹקֶת פוּן קוֹרַח וָואס הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, קוֹרַח וַעֲדָתוֹ הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען אִיז כּוּלוֹ תְּכֵלֶת אָדֶער וֶוען מֶען הָאט אַ בַּיִת מָלֵא סְפָרִים אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ מִיט סְפָרִים, **עֶר הָאט חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ** וָואס זָאגְט אַז מֶען זָאל לֵייגְן אֵיין בֶּענְדְל פוּן תְּכֵלֶת אוּן דָאס אִיז גֶענוּג.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח וָואס עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מְבַטֵל זַיין צוּ אִים אִיז גֶעוֶוען ווַייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי קֶען זַיין אַז רוּחָנִיּוּת זָאל זַיין אִין גַשְׁמִיּוּת אוּן גַשְׁמִיּוּת אִין רוּחָנִיּוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קו, טז): **"וַיְקַנְאוּ לְמֹשֶׁה בַּמַּחֲנֶה לְאַהֲרֹן קְדוֹשׁ ה'"**, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶועם דִי תּוֹרָה רוּפְט אָן (דְּבָרִים לג, א): **"אִישׁ הָאֱלֹקִים"** - דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז בַּאשֶׁעפְטִיגְט צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אֵיינֶער אִינֶעם צְווייטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יט, יד): **"וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם"**, אָט אִיז עֶר אוֹיפְ'ן בַּארְג בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָט אִיז עֶר צְווִישְׁן דֶעם עוֹלָם, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יח, יג): **"וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיֵּשֶׁב מֹשֶׁה לִשְׁפֹּט אֶת הָעָם וַיַּעֲמֹד הָעָם עַל מֹשֶׁה מִן הַבֹּקֶר עַד הָעָרֶב"**; אוּן דָאס זֶעלְבֶּע מִיט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיטְ'ן מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ אוּן וֶוען מֶען מַאכְט שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן וְכוּ' רֶעדְן כָּל מִינֵי זַאכְן וְכוּ', אוּן אָט אִיז עֶר "קְדוֹשׁ ה'" - עֶר גֵייט אַרַיין אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים וְכוּ'; דָאס אִיז גֶעוֶוען קֹרַח'ס טָעוּת, **עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי דָאס גֵייט צוּזַאמֶען.**

עֶס אִיז בַּאווּיסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט בַּיי אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע גִלְגוּלִים, אֵיינֶע פוּן זֵיי - ווִי עֶר גֶעדֶענְקְט זִיךְ זַייעֶנְדִיג בַּיים דוֹר הַמִּדְבָּר, הָאט אִים זַיין אֵיינִיקְל דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעפְרֶעגְט: **"זֵיידֶע, מִיט וֶועם בִּיסְטוּ גֶעוֶוען בַּיי דִי מַחֲלֹקֶת?"** הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶער זַייט"**, הָאט אִים דֶער יֵיטֶב לֵב ווִידֶער גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין, **דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?!"** הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס דֶער נִסָּיוֹן אִיז גֶעוֶוען**; קֹרַח הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַלֶע רֶבִּי'ס מִיט אַלֶע שֵׁיינֶע אִידְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, ווַייל **קֹרַח הָאט זִיךְ אַהֶער גֶעשְׁטֶעלְט ווִי אַן עוֹבֵד ה'**, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר גֶעוֶוען אַן אַפִּיקוֹרֶס, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין, דַף נ.): **'קֹרַח מִין הָיָה'"**.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן וָואס טוּט זִיךְ דָא אִין קֶעמְפּ, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַבִּיסְל טָרוּד יֶעצְט מִיט מַיינֶע קִינְדֶער ווִי לַאנְג מַיין ווַייבּ תִּחְיֶ' וֶועט אַהֵיים קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף. דָא אִיז מַמָּשׁ ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): **"דֶער פֵייעֶר בְּרֶענְט אוּן דֶער קָאךְ קָאכְט פֵיינֶע מַאֲכָלִים"**; בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה, מֶען מַאכְט יֶעדְן טָאג סִיוּמִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, אוֹיךְ וֶוערְן מְקוֹרָב יֶעדְן טָאג פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים, זֵיי קוּמֶען מִיט אַ פְרִישֶׁע חַיּוּת זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אוֹיךְ אִין מֵיידְל קֶעמְפּ הָאבְּן מִיר מְיַסֵד גֶעוֶוען אַ פְלַאץ פַאר דִי כּוֹלֵל יוּנְגֶעלַייט, אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ מַאכְן דָארְט אַ חֲנֻכַּת הַבַּיִת פַאר דִי תַּלְמִידִים כְּדֵי צוּ מְחַזֵק זַיין דִי כּוֹלֵל יוּנְגֶעלַייט. אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּהַתְמָדָה כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער אַהִין, וֶועסְטוּ זֶען מִיט דַיינֶע אוֹיגְן ווִי פְלַייסִיג מֶען לֶערְנְט. פַארְמִיטָאג לֶערְנְט מֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, נָאכְדֶעם בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג לֶערְנְט מֶען יֶעצְט הֲלָכוֹת שַׁבָּת אוּן נָאכְמִיטָאג לֶערְנְט מֶען הֲלָכוֹת טָהֳרָה. אִיךְ בַּאקוּם כְּסֶדֶר גְרִיסְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן אַרַיין דָארְט, זֵיי זָאגְן פֶּה אֶחָד אַז מֶען לֶערְנְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדַת הַתּוֹרָה.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר; כָאטְשִׁיג שְׁרַייבּ מִיר בִּכְתַב וָואס דוּ מַאכְסְט אוּן פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה, **אִיךְ בֶּענְק זֵייעֶר צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דִיר.**

אַ גוּטְן טָאג.

## דער הייליגע רבי געזאגט: מען דארף נישט ביים לערנען, נאר.

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א) אביסל פארשטיין

ב) לערנען אביסל

ג) זאגן די ווערטער

ד) לערנען שנעל

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז הבחור שמעון ראטה נ"י ישיבה קטנה היכל הקודש וויליאמסבורג

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

ביים וועם איך נעם געב איך.


"א וועלט פון חיזוק"

טוט זיך ספעציעל באדאנקן פאר אלע חשובע איינוואוינער פון קרית ברסלב ליבערטי

פארן זיך אנשטרענגען און אריינברענגען גאר גרויסע נאמבערס פארן היי יעריגן קאמפיין.

דער אייבערשטער זאל יעדן באצאלן מיט אלעם גוטס.

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

א וועלט פון חיזוק

Upstate Comfort

אייער קאר סערוויס אין אפסטעיט

אייער פריינד
פנחס דוד וועבערמאן
845-428-5619

